זינדיקט נישט. זאָל די זון נישט אונטערגיין אויף
27 אייער רוגז; און גיט נישט דעם שטן קיין אָרט.
28 זאָל דער גנב מער נישט גנבענען, נאָר ליבער זאָל
ער אַרבעטן, טוענדיק גוטס מיט זיינע אייגענע
הענט, כדי ער זאָל האָבן וואָס צו געבן דעם, וואָס
29 האָט נויט. זאָל קיין געמיין וואָרט נישט אַרויסקומען
פון אייער מויל אַרויס, נאָר וואָס איז גוט, וואו
נויטיק, צום אויפבויען, כדי עס זאָל געבן חן
30 צו די, וואָס הערן עס. און באַטריבט נישט ג־טס
רוח הקודש, אין וועמען איר זענט פאַרחתמעט
31 געוואָרן ביז צום טאָג פון דער גאולה. יעדע
ביטערקייט, און כעס און צאָרן און געשריי און
לעסטערונג זאָלט איר אָפּטון פון אייך, צוזאַמען
32 מיט יעדער רשעות; ווערט אָבער גוט איינער צום
אַנדערן, באַרמהערציק, זייט זיך מוחל איינער
דעם אַנדערן, ווי אויך ג־ט אינם משיח האָט אייך
מוחל געווען.

## קאַפּיטל פינף

1 גייט דעריבער אין די דרכים פון ג־ט, ווי געליבטע
2 קינדער; און וואַנדלט אין ליבע, ווי אויך דער
משיח האָט אייך ליב געהאַט און זיך איבערגעגעבן
פאַר אונדז אַלס אַ קרבן און זבח צו ג־ט פאַר אַ
3 ריח־ניחוח. זנות אָבער און יעדע אומזויבערקייט
אָדער גייציקייט זאָל אַפילו נישט דערמאָנט
ווערן ביים נאָמען צווישן אייך, ווי עס שטייט
4 אָן פאַר הייליקע; אויך נישט קיין נבול־פּה און
נאַרישע רייד אָדער צווייַדייטיקע וויצן, וואָס פּאַסן
זיך נישט; נאָר ליבער (זאָלט איר אָפּגעבן) אַ שבח.
5 וואָרום דאָס דאַזיקע זאָלט איר וויסן זיין, אַז קיין